מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **תזריע מצורע - אחרי קדושים** תשפ״א ◆ עלון מס׳: **63**

## דברים שבלב

אויסצויגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### איך דאנק דיר אויף די שטעכעדיגע דערנער!

א גרויסער טייל פון די אמונה און בטחון איז דער דאנקען השי״ת.

ווען אלעס גייט אין שפאן איז גרינג צו דאנקען אבער ווען זאכן גייען נישט ווי אזוי מען וויל איז שווער פאר׳ן מענטש צו דאנקען. נישט גרינג קומט אן אויסצופאלגן די ווערטער פון חז״ל **על כל מידה ומידה שמודד לך, הוי מודה לו במאד מאד.** עס פאדערט זיך דערצו אסאך אמונה.

אסאך פרעגן ווי אזוי איז עס בכלל שייך צו לויבן אויף זאכן וואס גייען פונקט פארקערט ווי מען וויל עס זאל גיין. מערערע מאל רעדט זיך עס נישט פון קיין קלייניגקייטן. עס איז דא אידן וואס מוטשענען זיך מיט שווערע און ביטערע חובות, פון עלטערן וואס זייער זון האט פארלוירן זיין ישיבה, פון אידן וואס גייען נעבעך אריבער ביטערע און שווערע יסורים ביי די דאקטורים.

די אלע האבן א חיוב צו דאנקען השי״ת אבער ווי אזוי קען מען דאנקען?

דער ענטפער דערצו געט דער הייליגער ישעיהו הנביא, דער נביא וואס האט געזאגט די מערסטע נחמות פאר׳ן כלל ישראל און חז״ל זאגן אונז [תנא דבי אליהו רבא ט״ז] אז ער האט זוכה געווען צו דעם ווייל ער האט מקבל געווען עול מלכותו יתברך בשמחה, אפילו ווען עס האט זיך גערעדט פון א גזירה. דער נביא ישעיהו זאגט [פרק יב] **אודך ה' כי אנפת בי, ישוב אפך ותנחמני** און חז״ל [נדה לא] געבן צו פארשטיין מיט א משל פון צוויי מענטשן וואס האבן זיך געדארפט ארויסלאזן אויפ׳ן וועג פאר האנדלעריי. זאגט דארט רב יוסף: די יריד איז געווען מעבר למדינת הים און מען האט געדארפט אהין פארן מיט א שיף.ביידע האבן זיך געאיילט צו דער שיף. אויפ׳ן וועג צו די שיף זענען זיי אריבער א פעלד פול מיט דערנער. איינער פון זיי איז עס אריבער בשלום, דער צווייטער האט אריינגעכאפט דערנער אויפ׳ן וועג.

דער וואס האט אריינגעכאפט דערנער האט זעענדיג אז ער גייט שפעטיגן צו די שיף, אנגעהויבן שעלטן די דערנער, און דער פעלד אייגענטומער אז ער רייניגט נישט אויס די פעלדער פון די דערנער. עס איז אריבער א שטיק צייט און עס איז אנגעקומען די ידיעה אז די שיף האט זיך דערטרונקען אין וואסער און אלע פון די שיף זענען געשטארבן.

יעצט האט שוין דער מענטש וואס עס איז אריין אין אים דערנער אנגעהויבן דאנקען השי״ת איבער דער דארן וואס איז אריין אין זיין פוס זאגנדיג ווי שיין איז דער דארען, ער איז געווען דער שליח צו ראטעווען מיין לעבן.

דער לימוד פון די משל פארשטייט יעדער אבער לאמיר צולייגן אז נישט אייביג מוז מען ווארטן אז עפעס זאל געשען אז מען זאל פארשטיין די טובה. עס דארף נישט פארגאסן ווערן קיין בלוט, אז דו זאלסט פארשטיין אז וואס עס האט פאסירט מיט דיר איז געווען לטובה. מען קען און מען דארף דאנקען אויך ווען מען זעט נישט די סיבה פון די געשעעניש ווייל אויך דעמאלטס ווערט מקויים וואס דער נביא זאגט אודך כי אנפת בי ווייל אלעס קומט מיט׳ן ציל ישוב אפך ותנחמני אז איך זאל זיך צוריקקערן צו די ריכטיגע וועג און דו השי״ת זאלסט מיר מנחם זיין.

דער באשעפער טוט מיט אונז א גאנצע צייט גוטס. מיר דארפן עס מכיר זיין און דורך די הודאה קומען מיר אן צו דעם. חז״ל זאגן שוין אז רבי אלעזר האט געזאגט אז א מענטש אנערקענט נישט און אפילו דער וואס איז זוכה צו א נס איז נישט מכיר בניסו און זיכער איז עס אזוי ווען אלעס איז פארהוילן, אבער ווען מען לעבט מיט אמונה און בטחון ווייסט מען אז אלעס וואס השי״ת טוט איז לטובה, אויך ווען דערנער שטעכן די פוס און אויף אלעס איז שייך צו לויבן און מקיים זיין דער הודו לו ברכו שמו, כי טוב השם, לעולם חסדו.

**[ארויסגענומען פון שיעור 196]**

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### ווילסט א מתנה?

״עס הערט זיך גוט! אבער....״

די סארט רעאקציע האבן רוב מענטשן געהאט ווען איך האב זיי מיטגעטיילט - פאר דריי יאר צוריק - דער געדאנק אז איך גיי עפענען א השגחה פרטית האטליין.

מען האט געלויבט דער געדאנק, אבער כמעט יעדער איינער איז געווען סקעפטיק. אין די חיזוק ווערטער האט זיך דערקענט א קול פון קווענקעלניש. יעדער האט זיך געוואונדערט צי עס וועט 'כאפן' און אויב יא, ווי לאנג וועט עס האלטן?

״דריי חדשים, אפשר אביסל לענגער....״. האבן עס געגעבן די אפטימיסטן.

היינט, דריי יאר שפעטער, האט שוין קיין איינער מער נישט קיין ספק! ווען איך קוק צוריק צו דעמאלטס קען איך נישט זאגן אויף מיר אז איך האב געהאנדלט מיט שכל. דער אנהייב איז נישט געווען לאגיש. דער איינציגסטער ערקלערונג דערצו וואס איך קען מיר געבן איז אז דער האטליין איז נישט מיינער, עס איז דער האטליין פון השי״ת, עס איז דער קול השם בכח, דער קול השם בהדר, ווייל אן אנדערע הסבר האב איך נישט.

עס איז נישט דא פאסיגער ווי אראפצוברענגען דא די ווערטער וואס עס האט אריינגעזאגט דעם לעצטן חול המועד אין דעם האטליין הרה״ח ר' יוסף מאיר מאשינסקי שליט״א פון בית שמש.

ער האט מיטגעטיילט דעם עולם מיט אן עפיזאד וואס עס האט פאסירט ביי אים אין שטוב אין די פארנומענע ערב פסח טעג ווען די קינדער זענען געשטאנען אין די טרעפן צימער. מיטאמאל האט זיך די וועגעלע, וואו עס איז געלעגן א קינד פון איין און א האלב יאר אלט, אנגעהויבן אראפגליטשן אויף די טרעפ. דאס קינד האט געליטן שטארקע וואונדן. מען איז אריינגעלאפן מיט אים אין שפיטאל און ער איז געבליבן מיט די קינדער אין שטוב. אין שפיטאל האט מען געמאכט אלע ערליי אונטערזוכונגען און ברוך השם, ווי דאס קינד וואלט ווען געווען ארומגענומען מיט אלע זייטן מיט א קושן, איז ער ארויס ריין פון וואונדן.

אפפאטעמענדיג אז אלעס איז געלויבט דער פון אויבן אקעי מיט׳ן קינד, האט ער א זאג געגעבן פאר זיינע קינדער, אז די גרעסטע השגחה פרטית פון די געשעעניש איז אז אלעס האט פאסירט נאכדעם וואס ער איז א שטענדיגער צוהערער פון דעם האטליין. ווען נישט, איז גרינג זיך פארצושטעלן וואספארא קולות עס וואלט געגאנגען, ער וואלט זיי באזידלט אז עס איז גארנישט ווערד זייערע הכנות פאר פסח, אז זיי קענען נישט אכטונג געבן אויפ׳ן קליינעם. אבער אדאנק דער קו האט ער זיך נישט פארלוירן, ער האט געוואוסט וואס זיי האבן צו טון אין אזא מינוט און מתפלל געווען צו השי״ת אז אלעס זאל זיך אויסשטעלן צום גוטן.

די בעסטע מתנה וואס א מענטש קען זיך געבן איז זיך צו פארבינדן מיט׳ן האטליין, זיך צו שטארקן אין די אמונה, לעבן א בעסערע און א רואיגערע לעבן.

א תלמיד חכם האט מיר געזאגט אז היינט האט יעדער קהילה א האטליין וואו מען דערציילט די נייעס פון די קהילה, אונזער האטליין איז דער האטליין פון השי״ת, פון דא גייט ארויס א רוף פאר די אמונה פשוטה און דאס ברענגט אריין חיות פאר טויזנטער אידן.

דער לעבן אין די היינטיגע וועלט איז נישט גרינג, אבער זה לעומת זה פון די אלע דאגות האט השי״ת אנגעגרייט דער האטליין. דאס איז די מתנה וואס השי״ת האט געשיקט פאר׳ן היינטיגן דור, אז מיר זאלן קענען זיין נאנט צו אים.

נעמט עס מיט ביידע הענט [אויערן] און ווערט אייגענע עדות אויף דער שינוי, רעדט איבערדעם צו חברים, שטיצט עס און פארגעסט נישט: אין ישראל נגאלים אלא בזכות האמונה!

א גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## ווערטער פון הימל

עס ציילט זיך שוין צענדליגער יארן פון ווען מיין שווער זאל זיין געזונט איז עוסק אין געביט פון חינוך.

אסאך רופן עס אן 'חינוך' אדער מען רעדט נישט דא פון די קלאסישע סארט חינוך, עס רעדט זיך פון די סארט חינוך וואס געט זיך אפ מיט אזוינע נשמות וואס האבן פארלוירן דער וועג און האבן זיך ארויסגעגליטשט פון די אידישע וועג.

די ארבעט וואס מיין שווער טוט איז נישט א גרינגע. די סארט וועלט איז זייער קאליִרפול. מען קען דארט טרעפן פון אלע סארטן און יעדער מאל פאדערט זיך פרישע געדאנקען מיט געניאלע בייפעלער צוריק צו ברענגען די פארווארפענע נשמות, א זאך וואס מיין שווער פירט אויס מיט גרויס סוקסעס ברוך השם.

האט זיך געמאכט איינמאל אז אין די ישיבה איז אריינגעקומען א פרישער בחור. דער בחור איז אהין אנגעקומען נאכדעם וואס ער האט זיך דערקייקעלט זייער נידריג. ער איז באמת געווען פון די גאר שוואכע בחורים און האט נישט געהאלטן ביי גארנישט.

אסאך כוחות און הארעוואניע האט מיין שווער אריינגעלייגט אין אים, אבער עס האט אויסגעזען ווי די ארבעט גייט לטמיון. דער בחור האט באמת נישט געהאלטן ביי גארנישט.

אין א טאג, זעענדיג אז עס רירט זיך נישט מיט אים, האט אים מיין שווער געלאזט רופן בעטנדיג ער זאל אים זאגן וואס ער טוט דא אין די ישיבה און צי ער זעט דא א תכלית אויף ווייטער.

"איך בין דא ווייל מיין טאטע האט מיר אהערגעשיקט".

"דאס איז נישט א גוטע סיבה". האט אים מיין שווער קלארגעשטעלט און געזאגט אז ער גייט אים ארויסשטעלן פון די ישיבה.

"ניין, געב מיר נאך אביסל". האט זיך דער בחור געבעטן.

ער האט באקומען נאך א שאנס, אבער ער האט עס נישט אויסגענוצט, ער איז געבליבן דער זעלבער ווי פריער. נאך א שטיק צייט לאזט אים מיין שווער רופן און זאגט אים אז דאס איז עס! ער קען פאקן פעק און אהיימגיין.

"אבער וואס זאג איך פאר מיין פאטער".

"דאס, לאז פאר מיר".

אזוי רעדנדיג האט מיין שווער אויפגעהויבן דער טעלעפאן און אריינגעקאללט דעם טאטן. דער טאטע האט אויפגעהויבן און מיין שווער האט אים א זאג געגעבן אז דא רעדט מען פון די ישיבה.

"יא, יא, וואס האט יעצט פאסירט?". האט דער טאטע געפרעגט.

אין יענער מינוט האט דער שווער פארשטאנען אז דער טאטע האט פשוט געווארט אויף אזא רוף. ער איז איבערגעצייגט אז זיין זון איז א פראבלעם און ביי אים איז געווען קלאר אז עס איז א שאלה פון צייט, ביז ווען די ישיבה וועט אים פארשיקן.

אין יענער מילי סעקונדע האט מיין שווער געטוישט זיין מיינונג. אנשטאט אים זאגן וואספארא באנדיט זיין זון איז האט ער אים אנגעהויבן אויסלויבן זאגנדיג אז עס איז אומגלויבליך ווי אזוי זיין זון האט זיך געטוישט און לערנט פלייסיג, עס איז ממש א נחת.

דער פאטער איז געווארן גערירט ביז טרערן, ער האט זיך באדאנקט פאר'ן ראש הישיבה און דער שמועס האט זיך גענדיגט אויפגעהייטערט.

ווען מיין שווער האט אראפגעלייגט דער טעלעפאן האט דער בחור - ווער עס האט מיטגעהאלטן דער גאנצער שמועס - זיך געוואנדן צו מיין שווער מיט פארוואונדעטע אויגן וועלנדיג פארשטיין וואס האט דא פאסירט? אבער אויך מיין שווער האט עס נישט געקענט ערקלערן און ווי ער האט שפעטער געזאגט איז דאס געווען ווערטער פון הימל.

דער סוף איז געווען אז דער בחור איז אויך געווארן מורא'דיג איבערגענומען פון די שמועס, ער האט צוריקבאקומען זיין האפענונג און זיך גענומען לערנען ווי אזוי עס דארף צו זיין, אז ער איז באמת געווארן א גוטער בחור. היינט, האט ער חתונה געהאט, ער האט ערליכע קינדער און פירט א אידישע

## וועלכער שדכן וואלט אנגעטראגן אזא שידוך?

עס איז געווען בעפאר שבת זכור ווען הרה"ח ר' חיים מאיר פיליפ שליט"א האט געוויזן פאר ר' דוד קלעצקין שליט"א די ווערטער פון דעם חתם סופר אז דער עיקר שמחה פון פורים איז די בטחון אין די ישועה פון השי"ת, ווען א יונגערמאן איז צוגעקומען דערציילנדיג א מורא'דיגע געשיכטע וואס ער האט מיטגעלעבט האבנדיג א טייל דערינען.

די מעשה האט זיך אנגעהויבן מיט עטליכע חדשים פריער. דער יונגערמאן איז געגאנגען מתפלל זיין ביי איינער פון די מקומות הקדושים אין ארץ ישראל. אין יענע צייט, צוליב די קאראנע אומשטענדן זענען די ערטער געווען באגרעניצט, ביים טיר איז געשטאנען א זיכערהייט וועכטער און רעגולירט די צאל מענטשן וואס קומען אריין און גייען ארויס פון דעם ארט, זיכער מאכנדיג אז עס איז נישט דא צופיל מענטשן אינעווייניג אויף איין צייט.

שטייט אזוי דער עולם און ווארט, ווען פלוצלונג קומט צוגיין א איד און זעענדיג אז דער עולם שטייט און ווארט, האט עס אים נישט געפאלן, ער האט אנגעהויבן זיך אריינשטופן אריינשטעלנדיג א פוס אינעווייניג. ווען דער גארד האט אים אויפמערקזאם געמאכט אז עס איז דא א רייע און מען ווארט, איז ער געווארן אנגעהיצט און אנגעהויבן שרייען אויפ'ן וועכטער און אים באלעסטיגן אז עס איז געווארן א שארפער ווערטער אויסטויש, אז מען האט פשוט פארגעסן אז עס איז דא א מקום קדוש.

אונזער ר' שמואל זעענדיג ווי דער זאך גייט ארויף אויף הויכע טענער, האט נאכ'ן אויסהערן א שמועס אויף די השגחה פרטית האטליין איבער די גרויסקייט פון קענען מוותר זיין, דער שיעור 141, געזוכט אפצושטילן די געמיטער, ווען ער רעדט צו יעדן איינעם איבער די גרויסקייט פון מוותר זיין. נישט גרינג איז אנגעקומען פאר ר' שמואל די ארבעט. יעדער פון די זייטן איז געווען איבערצייגט אז דער אמת איז מיט אים, אז קיין איינער האט נישט געקענט מוותר זיין פאר'ן אנדערן.

ר' שמואל, נישט וועלנדיג אויפגעבן, האט זיי דערציילט אז ער האט א חבר וואס איז שוין אלט כמעט דרייסיג יאר און ער בעט זיך פאר זיי ברחמים אז זיי זאלן עס טון נישט וועגן זיך, נאר צוליב דער חבר, וואס לעכצעט שוין אזויפיל יארן אויף א ישועה.

די ווערטער האבן באיינפלוסט דיביידע זייטן. זיי האבן אפגעשטעלט די קריגעריי. יעדער האט מוחל געווען פאר'ן צווייטן זאגנדיג אז דאס איז לישועת דער בחור, אבער ר' שמואל איז נאכנישט געווען זאט, ער האט געבעטן אז יעדער פון זיי זאל אנווינטשן פאר'ן צווייטן אלעס גוטס, ווען יעדער זאגט ארויס דעם צווייטנ'ס פולער נאמען.

איינמאל די געמיטער האבן זיך בארואיגט האט ר' שמואל געקענט אריינגיין אין דעם ציון. מיט א צעבראכן הארץ האט ער מתפלל געווען פאר זיין חבר ער זאל געהאלפן ווערן מיט א זיווג הגון.

ער האט נאך געהאלטן אינמיטן דאווענען ווען פלוצלונג שפירט ער א קלאפ אויף די פלייצע, ער געט זיך א דריי אויס און אט זעט ער זיין אלטער חבר פון די ישיבה, מאיר, שטיין נעבן אים.

"איך וויל דיר נאר זאגן אז עס האט געמאכט א גרויסער קידוש השם מיט וואס דו האסט יעצט געטון...".

מאיר האט צוגעלייגט אז ער באוואונדערט עס נאך מער וויסענדיג אז ער - ר' שמואל אליין - ווארט שוין אסאך יארן אויף קינדער און דא קימערט ער זיך נישט אויף זיך אליין, ער טראכט נאר וועגן זייער חבר פון די ישיבה.

ר' שמואל איז נישט געווארן אנטציקט פון זיינע ווערטער. אנשטאט דעם געט ער אים א פרעג צי אפשר ווייסט ער פון עפעס א פאסיגער שידוך פאר זייער חבר.

"איך בין נישט קיין שדכן, איך קען נישט קיין מיידלעך, די איינציגסטע מיידל וואס איך קען איז מיין שוועסטער וואס איז יעצט געווארן ניינצן יאר".

"נו, אפשר איז עס א גוטער שידוך"?

מאיר האט אנגעהויבן לאכן! דא רעדט זיך עס פון כמעט א דרייסיג יעריגער בחור און דא רעדט ער פון א ניינצן יעריגע מיידל אבער ר' שמואל האט עס געמיינט ערנסט.

נאכן אויסוועלן א שפראך קענט איר הערן די מעשיות

ווילט איר ווערן אינטערוויוט איבער א געשיכטע וואס איר האט מיטגעלעבט?

'מאירים' את העולם - מאכן ליכטיג די וועלט מיט אמונה

"שטעל זיך פאר אז ווען ער וועט זיין א ניינציגער וועט זי זיין א אן אכציגער....". האט ער געשפינט די שמועס.

עס האט זיך אנגעהויבן מיט א ווערטל אבער עס האט נישט געדויערט קיין חודש צייט און די שידוך איז געווארן, דער דרייסיג יעריגער איז א כלה געווארן מיט די ניינצן יעריגע מיידל....

אבער די מעשה איז נאכנישט געענדיגט!

א שטיק צייט נאכ'ן שידוך האט ר' שמואל נאכאמאל באזוכט אין יענעם מקום קדוש. ביים טיר האט ער ווידעראמאל געטראפן שטיין דער זעלבער וועכטער און אויך יעצט, לאזט ער נאר אריינגיין מיט א פריערדיגער באשטימטער נומער.

ר' שמואל איז צוגעגאנגען צו אים מיט איין שמחה דערציילנדיג אז זיין ברכה איז מקויים געווארן פרעגנדיג צי ער געדענקט נאך די מעשה.

"ווי אזוי קען איך פארגעסן? די וואך בין איך אויך געווארן א חתן....". האט דער וועכטער צוזאגט.

מזל טוב! מזל טוב!

[ארויסגענומען פון שיעור 194 אין שער הבטחון]

## די בקשה קומט אן צו די ריכטיגע אדרעס

איך בין שוין כמעט צוואנציג יאר א כולל יונגערמאן. ווער עס ווייסט זענען די כולל יונגעלייט קיינמאל נישט פון די עשירים אין שטעטל אבער מיט דעם אלעם געדענק איך זיך נישט אין אזא ענגשאפט וואו איך האב זיך געטראפן דער פארלאפענער חודש.

די בערזל איז געווען ליידיג, די שטוב אויסגעלערט, עס איז ממש נישט געווען פון וואו אנצוהייבן און פון וואו צו ענדיגן. ווען איך האב געטראכט איבער די ימים טובים וואס קומען אונטער איז מיר שווארץ געווארן פאר די אויגן.

איך האב געטראכט יעדער מין עצה אין די וועלט ארויסצוקריכן פון דער פלאנטער, אבער גארנישט איז נישט ארויף געקומען, און ווי אייביג, אין אזעלכע פעלער, האב איך זיך געוואנדן צום תהלימ'ל און אויסגעגאסן מיין ביטער הארץ פאר השי"ת.

יענער נאכט האב איך געהאט א חתונה. די חתונה איז געווען פון מיינער א באקאנטער, א רייכער איד. נאטורליך ווי עס איז דער מנהג העולם ביי אזא חתונה, איז דארט אויך געווען אסאך רייכע אידן און איך האב געטראכט אז איך קען זיך ווענדן צו עטליכע פון זיי, יעדער פון זיי האט השי"ת געגעבן גענוג און נאך, אז זיי זאלן מיר קענען ארויסנעמען פון מיין פלאנטער, אבער איך האב באשלאסן אז ניין! אל תבטחו בנדיבים, איך גיי נישט בעטן ביי קיין איינעם הילף, דער באשעפער וועט מיר העלפן.

זיצנדיג אזוי ביים טיש באגעגן איך א חבר מיט וועמען איך האב צוואנציג יאר צוריק געלערנט אין ישיבה. יענער האט שוין נישט אויסגעזען אזוי ווי ער האט אויסגעזען אין די אמאליגע יארן און נאטורליך זענען מיר אריין אין א טיפע שמועס, ווען ער וויל הערן וואס איך טוה היינטיגע צייטן און איך וויל הערן וואס ער טוט היינט.

ווען ער האט געהערט אז איך זיץ נאך אין כולל האט ער געעפנט אויף מיר צוויי אויגן.

"דו גלייבסט אין דעם?" געט ער מיר א פרעג.

"און דו גלייבסט נישט?" האב איך אים צוריק דערלאנגט, ווען איך גיב אים צו פארשטיין אז עס איז מיר טאקע שווער, איך האב ווייניג לוקסוס צו לעבן, איך לעב בצמצום, אבער אינעווייניג, טיף אין הארצן איז מיר גוט.

ער האט מיר אנגעקוקט מיט צוויי גרויסע אויגן. עס איז געווען די ערשטע מאל אין זיין לעבן ווען ער האט געהערט איינעם רעדן מיט אזא זיכערקייט, אז עס איז דא א לעבן אויך אויסער די וועלט אין וואס ער לעבט.

עס איז אדורך א שטיק צייט און ער קומט צו מיר און זאגט מיר אז ער וויל האבן א טייל אין מיין תורה.

"איך וועל דיר געבן יעדער חודש 2000 שקל איז דאס אקעי' מיט דיר?"

"יא". האבן איך צוגעשטימט.

דער באשעפער האט מיר אים געשיקט אלץ א שליח, אן וואס כ'זאל דארפן ארויסרעדן א ווארט פון מויל. פון דעמאלטס און ווייטער איז דער געלט געקומען צו גיין יעדער חודש.

עס איז אריבער עטליכע חדשים און ער האט אויפגעהערט שיקן. איך האב געטראכט אז איך גיי אים פרעגן אבער דאן האב איך זיך מיישב געווען אז ניין! אל תבטחו בנדיבים. אנשטאט דא גיי איך זאגן תהלים. איך האב געזאגט תהלים און דאן קלינגט ער מיר אן זאגנדיג אז עס איז געווען א קליינער עיכוב, ער שיקט מיר שוין אריין דאס געלט, האב איך באקומען פרישע חיזוק אז אלעס איז פון אויבן.

שטוב מיט אלע פיטשיווקעס און אלעס א דאנק די געציילטע גוטע ווערטער.

אמאל... מיט אפאר גוטע ווערטער ראטעוועט מען דורות.

## דער שידוך אויפ'ן בארג

מיין נאמען איז יום טוב קליין, איך בין אן איינוואוינער אין די שטאט אשדוד.

עס איז געווען אין א שפעטע נאכט שעה, ערגעצוואו אינמיטן חודש כסלו, ווען איך האב ארויסגענומען מיין סעליולער טעלעפאן צו קלינגען איינעם. בטעות, אוממערקנדיג, האב איך אריינגעקלינגען א צווייטן איד.

ווען איך האב זיך געכאפט איבער דער טעות וואס איך האב געמאכט איז שוין געווען צו שפעט צוריק צו דרייען דעם זייגער. יענער האט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן. איך האב אים געזאגט אז עס איז געווען א טעות, איך בעט אנטשולדיגונג פאר די שעה, אבער יענער האט דווקא אויסגעזען פריש און מונטער ווי אינמיטן טאג און הערנדיג אז איך בין אויפ'ן ליניע, איז ער אריין מיט מיר אין א שטיקל שמועס.

"זאג, דו פארסט אפשר קיין קערעסטיר אין די נאנטע צייט?"

"פארוואס?" האב איך אים געפרעגט.

"ווייל איך האב זייער שטארק חשק צו זיין דארט דעם קומענדיגן ג' בשלח, דער יום המסוגל אויף פרנסה".

"אויב איך וועל עפעס וויסן, וועל איך דיר מעלדן", האב איך אים געענטפערט.

אין די קומענדיגע טעג האב איך זיך פאראינטערעסירט אין די נושא. איך האב געפרעגט דא און דארט און עס איז מיר אויסגעקומען צו ארגאנדזשירן א שטיקל נסיעה סיי פאר יענעם און סיי פאר מיר און אזוי ארום האב איך זיך געזען זיצן אויפ'ן פליגער פון ארץ ישראל קיין בודאפעסט און פון דארט זענען מיר צוגעפארן קיין קערעסטיר.

עס איז נישט געווען מיין ערשטע רייזע קיין קערעסטיר. בעפארדעם בין איך שוין צוויי מאל געווען אין קערעסטיר אבער עס איז געווען מיין ערשטע רייזע אין אזא טאג ווי ג' בשלח.

די וועג איז געווען זייער אנגענעם. נעבן מיר איז געווען א ליידיגער זיץ, אזוי אז איך האב זיך געקענט אויסציען די ביינער. נאכ'ן לאנדן זענען מיר צוגעפארן קיין איהעל און פון דארט האבן מיר ממשיך געווען קיין קערעסטיר צו הרה"ק ר' ישעי'לע.

עס איז געווען אסאך וואס צו בעטן אין קערעסטיר אבער דער שטופ וואס איך האב געהאט אהין צו פארן איז געווען צו בעטן פאר א שידוך. איך האב שוין געהאט א טאכטער אין די יארן און די ישועה האט זיך אביסל פארזוימט.

זייענדיג אין קערעסטיר איז אויך געווען אין אוהל א צווייטער איד פון אשדוד. אויך יענער איד איז אהין געקומען וועגן א שידוך און אויך ער האט מתפלל געווען ביים ציון הק' אז ביז דרייסיג טעג זאל ער געהאלפן ווערן מיט א שידוך.

דער יעניגער איד איז נישט געקומען אליין. מיט אים איז געווען זיין בחור, ווער עס האט געווארט צו ווערן א חתן און האט אויך מתפלל געווען ביים ציון הק' ער זאל זוכה זיין צו א ישועה.

איך האב גוט געקענט יענעם איד, אבער מיר האבן געהאט ווייניג שייכות. מיר זענען געווען ווייט פון פאסיגע משפחות און נאכ'ן ענדיגן דאווענען האבן מיר זיך ביידע געווינטשן און יעדער האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.

ארויפגייענדיג אויפ'ן פליגער זעה איך פלוצלונג ווי דער איד, וועמען איך האב באגעגנט אין דער אוהל, איז דא אויפ'ן פליגער און ער איז מיין שכן אויפ'ן פליגער. נאטורליך האבן מיר געשמאק פארברענגט און אויך געכאפט א שטיקל שמועס מיט'ן בחור, אבער נאך אלץ האב איך נישט געטראכט אז דער שידוך איז פאסיג פאר מיר.

אבער, צומארגנס, ווען דער שדכן האט מיר אנגעקלינגען און נאכ'ן באטאנען אז דער שידוך וואס ער טראגט יעצט אן איז אפשר נישט די פאסיגסטע, אבער מיט דעם אלעם וויל ער עס אנטראגן, און ער האט מיר פארגעשלאגן דעם בחור.

איך האב אים געענטפערט אז מלכתחילה וואלט איך קיינמאל נישט געטון דער שידוך, אבער נאכ'ן ווילן אינאיינעם און קענען לערנען דער בחור פון די נאנט, בין איך מסכים.

מען האט געבראכן טעלער, נאך אין די דרייסיג טעג פון דער מחותנ'ס רייזע קיין קערעסטיר און אויף צוריקציוועגס האב איך איינגעזען אז די רייזע האט געמאכט דער שידוך.

דער שידוך וואלט לעולם קיינמאל נישט געקענט ווערן, אבער אז ר' ישעי'לע איז דא אינמיטן איז א צווייטע מעשה.

ביים קוועטשן 1 פאר אינטערוויוס דרוקט קנעפל 6 > 5

לאזט איבער א קלארע מעסעדזש אויף קנעפל 3 > 4 נאכן אויסוועלן א שפראך

און בטחון - שליסט זיך אן אין דער פראיעקט אויסצושפרייטן די גליונות צו נאך און נאך בתי מדרשים און גייט אריין אין א גורל צו געווינען די ספר 'קובץ עלוני השגחה פרטית'.

זיך אנצושליסן רופט אריין צו די נומער 02-58-66-075 און דרוקט אויף 4 (ווער עס ברענגט 5 נייע אנשליסער באקומט אויך די ספר)

# צוהערער פרעגן

### שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

אין חובת הלבבות ווערט געברענגט אז א מענטש זאל אכט געבן ווען ער טוט השתדלות פאר גשמיות'דיג צרכים, נישט צו טון השתדלות איבער די מאס. מיין שאלה איז, צי ביי רוחניות איז אויך אזוי, ווי למשל מקרב צו זיין רחוקים? צי ביי אזא זאך פאדערט זיך יא פון דעם מענטש צו טון אסאך השתדלות אדער ווייניג איז גענוג?

א.ש. אשדוד

שאלה נומער 17

## המרבה להשתדל - הרי זה משובח

**הרב יהושע כהן פון ירושלים, הרב מנחם גראס פון ירושלים:** דער השתדלות אין רוחניות איז אנדערש ווי די השתדלות אין גשמיות. די צרכים גשמיים וואלט דער איד לעולם געדארפט באקומען אלעס וואס ער דארף, נאר צוליב די גזירה פון בזעת אפך תאכל לחם ארבעטן מיר שווער, אבער ביי רוחניות פאדערט זיך מלכתחילה א יגיעה און אדרבה, ווי מער יגיעה איז מער באליבט ביי השי"ת און ווי גרויס עס איז די יגיעה אזוי גרויס איז די השתדלות.

**הרב שלמה ראטמאן פון בית שמש:** מ'דערציילט אויפ'ן בריסקער רב אז אמאל איז אנגעקומען פאר אים ערב סוכות אן אתרוג פון מאראקא. די בריסקער זענען מקפיד אויף א מאראקאנער אתרוג, אבער די רעגירונג האט נישט געוואלט ארויסגעבן דער אתרוג. א גאנץ יום טוב האט דער בריסקער רב פארארבעט מעשים צו באקומען די אתרוג און ביז הושענא רבה האט ער נישט גערוט, טראץ וואס ער האט געהאט ביי זיך נאך אן אתרוג און א מאראקאנער אתרוג איז נאר א הידור מצוה. דערמיט האט ער געוואלט לערנען אז א איד איז מחוייב צו טון אלעס, ווען עס קומט משתדל צו זיין אויף א מצוה און די זעלבע איז ביי אונז אויך, יעדער לויט זיינע כוחות.

## דער גבול פון השתדלות

**הרב משה רונא פון מודיעין עילית:** די שאלה האט מען געפרעגט פון מיינע רבי'ס און זייער ענטפער איז געווען אז דער 'מינימום' וואס פאדערט זיך פון א איד ווען עס רעדט זיך כלפי שמיא איז דער 'מאקסימום' וואס ער קען.

**הרב נח גוטמאן פון ירושלים:** ביי רוחניות איז אויך דא דער געדאנק אז די תוצאה איז עקסטער ווי די השקעה, אבער אנדערש ווי ביי גשמיות, וואו דער מענטש קען זיך באגענוגן מיט ווייניג השתדלות, איז ביי רוחניות. דא, דארף זיך דער מענטש משתדל זיין ביז ווען ער וועט גלייבן אז ער האט שוין געטון וויפיל ער קען.

## עס ווענדט זיך

**הרב חיים הארוויץ פון אשדוד:** מען דארף קענען מחלק זיין צווישן דער פליכט וואס א מענטש האט פערזענליך כלפי שמיא צו עסקנות בצרכי הציבור. ווען עס רעדט זיך פון מקיים זיין דער אייגענער ידי חובה איז זיכער אז דער מענטש דארף זיך משתדל זיין אן א גבול, אבער ווען עס רעדט זיך פון עוסק זיין בצרכי ציבור, דארף דער מענטש מאכן השתדלות כפי יכלתו, ווען די איבריגע לאזט ער איבער כלפי שמיא, אז פון דארט זאל מען משלים זיין די פעולה.

## הצלת נפשות

**הרב דוד לייפער פון ירושלים:** דער שואל אין זיין שאלה באציהט זיך צו די נושא פון קירוב רחוקים. חז"ל זאגן שוין אז מחטיא זיין אידישע קינדער איז ערגער ווי אים הרג'נען מיט די גוף. עס איז זיכער אז מידה טובה מרובה ביי אזא פאל און אויף דעם גייט ארויף דער מאמר חז"ל פון כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא! עס איז פשוט אז ביי אזא הייליגער זאך איז נישט דא קיין גבול וויפיל השתדלות מען דארף מאכן, וויפיל מ'מאכט איז נישט גענוג.

## שאלה פאר גליון 65

איך ארבעט אסאך אויף מיר צו זיין שטארק אין די מידה פון בטחון. ווען עפעס געשעט מיט מיר וועל איך זיך איינ'חזר'ן אז אלעס קומט פון אויבן און אז אויב עס האט זיך אזוי געפירט איז עס זיכער די בעסטע וואס עס קען זיין פאר מיר.

ווען עפעס פאסירט וואס איך האב נישט קיין חלק דערין איז גרינג מקבל צו זיין אויף זיך דער דין, אבער איך וויל פרעגן וואס וועט זיין מיט עפעס א שוועריגקייט וואס דער מענטש האט עס צוגעברענגט אויף זיך, ווי למשל ענינים וואס האבן צו טון מיט חינוך פון די קינדער, אדער שלום בית, צי אויך דעמאלטס קען דער מענטש זאגן אז פון הימל האט זיך עס אזוי געפירט, אדער דעמאלטס איז נישט שייך צו זאגן אזא זאך, ווייל ער האט עס אליינס צוגעברענגט?

י.מ. מודיעין עילית

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת אמור. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

### אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

# א גרעניצלאזע שפע

ער ציילט שוין עטליכע חדשים פון ווען ער האט אויפגעהערט צו בארגן געלט פון אנדערע. ער האט זיך געבראכן און נישט געצאלט זיינע באדערפענישן מיט קרעדיט קארטעל, אדער מיט שפעטערדיגע פעימענטס. עס האט שוין אויסגעזען ווי אויך דער יום טוב פסח וועט ער אדורכשוויצן אן בארגעריי, אבער דאן האט עס פאסירט, ער האט געגלייבט אז די נסיון וועט אים צוברעכן.

יעדער פון אונז, אין די היינטיגע וועלט, נוצט א פרידזשידער. א אידישער שטוב קען נישט עקזיסטירן אן א פרידזש, אבער וואס טוט מען ווען דער פרידזשידער וואס האט אים אזוי געטריי באדינט פאר לאנגע יארן, איז מיטאמאל געגאנגען שלאפן? און די טאש איז ליידיג.

אין די ערשטע רגע האט ער געוואלט קלערן אז אפשר איז דאס שוין נישט געווען אין חשבון. נאך אביסל התבוננות און ישוב הדעת איז ער אנגעקומען צו די אנערקענונג. היפלא מהשם דבר? דער באשעפער איז א כל יכול.

ער האט באשלאסן אז ער גייט קויפן א פרידזשידער. ער וועט עס באשטעלן. געווענליך געדויערט אפאר טעג ביז ווען עס קומט אן און ביז דעמאלטס האט שוין השי"ת זיינע וועגן.

ער האט טאקע אזוי געטון און פונקט אין יענע טעג האט אים א חבר ארייננגעקלינגען דערציילנדיג אז ער וויל אים אפצאלן אן אלטער חוב. די סומע פון דער חוב איז געווען די גענויע סומע וויפיל עס האט אים געקאסט צו קויפן די פרידזשידער.

די געשעעניש פאדערט פארזיכטיגקייט. הלכה'דיג גערעדט טאר א איד נישט קויפן עפעס, ווען ער האט נישט די געלט דערצו, אבער די מעשה לערנט אונז יא, די גרויסע כח פון אמונה, ווי אזוי מיט אמונה קען מען דורכשווימען די גרעסטע שוועריגקייטן און זיי בייקומען און זוכה זיין צו גרעניצלאזע שפע.

די מעשה איז איינס פון טויזנט. עס איז כמעט א טעג טעגליכער זאך ווען מיר הערן פון אידן ווי אזוי זיי דערציילן אונז אז דורך אמונה האבן זיי באוויזן די גרעסטע און זענען לויז געווארן פון חובות, שוועריגקייטן, לעבנדיג מיט צופרידנקייט און שלוה, בזכות פון די אמונה.

דער יום פסח וואס האט זיך יעצט געענדיגט איז דער סימבאל פון אמונה. אין חמץ לייגט א מענטש אריין כוחות עס זאל אויפגיין אבער אין די מצה טוט מען גארנישט. מען גיסט אריין אביסל וואסער, מעל, און עס ווערט דערפון א מצה.

וועגן דעם ווערט עס אנגערופן 'מיכלא דמהימנותא' און נאכדעם וואס מיר האבן עס געגעסן פאר זיבן טעג, זאל עס בלייבן אין אונז, ווייל מיט דעם גייט מען ארויס פון אלע שוועריגקייטן און מען לעבט דערהויבן און הייליג.

די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

**מצד די באקומער**

מיר זענען אריבער זייער א שווערע צייט אין שטוב און די חיזוק צו בלייבן שטארק ביי זיך און נישט ווערן צובראכן איז געווען די גליונות און די השגחה פרטית האטליין.

אדאנק דעם זענען מיר אריבער די צייט גרינג און מיט שטארקקייט.

אשריכם! מזכי הרבים

י.ע. בני ברק

**מצד די געבער**

מיר האבן געווארט אסאך צייט אויף א שידוך פאר אונזער טאכטער, מיר האבן צוגעזאגט א שיינער סומע פאר די האטליין און פסח איז זי ב"ה געווארן א כלה. ווען די שידוך האט זיך געענדיגט האט די כלה דערציילט פאר דעם חתן אז פאר די שידוך האבן מיר צוגעזאגט א שיינער סומע געלט פאר די השגחה פרטית האטליין. צו איר וואונדער, האט דער חתן אויך דערציילט די זעלבע זאך, אז אויך ביי זיי אין די משפחה האט מען צוגעזאגט א שיינע סומע פאר די האטליין, יעצט ווייסן מיר אז די שידוך איז געווארן אדאנק די השגחה פרטית האטליין

א מעסעדזש וואס איז אנגעקומען צו די מערכת


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |



ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט

קלינגט אריין אין אפיס

02-5866-075

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,

שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה